**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/22/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט MONTOUR FALLS AND WAVERLY אלס איינס פון די דרום טייל ראיאן געווינער פון ערשטע רונדע פון NY FORWARD פראגראם**

***ווילעדזשעס Montour Falls און Waverly צו באקומען 4.5 מיליאן דאלאר יעדע איינע***

***נייער 100 מיליאן דאלארדיגער NY Forward פראגראם בויט אויף שוואונג פון ערפאלגרייכע שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו צו שטיצן א מער גלייכע ערהוילונג פון שטאטישע צענטערן אין ניו יארק'ס קלענערע קאמיוניטיס און אזעלכע וועלכע זענען ווייטער ארויס פון שטאט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די ווילעדזשעס Montour Falls און Waverly וועלן באקומען יעדע איינע 4.5 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג אלץ די דרום טייל ראיאן געווינער פון די ערשטע רונדע פון NY Forward (ניו יארק פאראויס). ארויפבויענדיג אויף די שוואונג פון די סטעיט'ס ערפאלגרייכע שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו (Downtown Revitalization Initiative, DRI), נעמט דער 100 מיליאן דאלארדיגער NY Forward פראגראם אן די זעלבע 'אומר ועושה' סטראטעגיע ווי די DRI צו שטיצן א מער גלייכע ערהוילונג פון שטאטישע צענטערן אין ניו יארק'ס קלענערע קאמיוניטיס און אזעלכע וועלכע זענען ווייטער ארויס פון שטאט. אלץ טייל פון די ערשטע רונדע פון NY Forward וועלן צוויי ביז דריי גרענטס פארטיילט ווערן פאר קלענערע קאמיוניטיס אין יעדע איינס פון די סטעיט'ס צען עקאנאמישע אנטוויקלונג ראיאנען צו שטיצן אנטוויקלונג און איינפירונג פון שטאט-צענטער אויפלעבונג פלענער.

"Montour Falls און Waverly שטעלן אר פון די בעסטע וואס ניו יארק סטעיט הט צו געבן: נאטורליכע שיינקייט, א לעבעדיגע ביזנעס קאמיוניטי, בליענדע אגריקולטור, און קולטור רייכע היסטארישע סייטס," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "א דאנק די NY Forward, וועלן די קאמיוניטיס קענען אויסגלייכן די אסעטס און סטעיט געלטער צו אויפלעבן זייערע דאונטאונס , אריינגעמען אפילו מער ארבעטער און ביזנעסער, און טראנספארמירן זיערע הויפט גאסן אין צו ראיאנישע דעסטינאציעס. מיין אדמיניסטראציע בלייבט איבערגעגעבן פארן אינוועסטירן אין לאקאלע עקאנאמיעס ווי די צו געבן די רעזידענטן די ארבעט, די געצייג, און די אינפראסטרוקטור וואס פעלט אויס צו בליען."

[NY Forward](#) איז א הויפט קאמפאנענט פון דער סטעיטס עקאנאמישע אנטוויקלונג באמיאונגען, וואס ארבעט צוזאמען מיט DRI צו פארשנעלערן און פארברייטערן די אויפלעבונג פון ניו יארקס דאונטאונס. NY Forward דינט קליינע קאמיוניטיס מיט היסטארישע כאראקטאר וואס צייכנט זיי אויס פון די גרעסערע, מער שטאטישע צענטראלע ביזנעס דיסטריקטס וואס ווערן געוויינטלעך פינאנצירט דורך DRI. NY Forward קאמיוניטיס זענען פיסגייער-פריינטליכע, נישט געדיכטע געגנטער וועלכע דינען די ארטיגע קאמיוניטי און האבן א מער לאקאלע נאטור, זיך קאנצעטרירנדיג אויף די ארומיגע וואוינונגען אדער צענטרירן זיך ארום דארפישע אגריקולטורישע דעוועלאפמענט.

פונקט ווי די DRI וועט יעדע NY Forward קאמיוניטי אהערשטעלן א סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן צו אויפלעבן איר שטאט צענטער דורך א רייע פון פראיעקטן וועלכע זענען גרייט צו דורכגעפירט ווערן. די דעפארטמענט אוו סטעיט וועט צושטעלן פארגרעסערטע טעכנישע הילף צו בעסער שטיצן קלענערע קאמיוניטיס וואס קענען האבן ווייניגער יכולות'ן אלץ טייל פון דערNY Forward פראגראם און פינאנצירן פאסיגע פראפארציע צו דער גרייס פון יעדע קאמיוניטי. פראיעקטן קענען ארייננרעכענען רענאוואציע און איבערבויאונגען, נייע קאנסטרוקציע אדער אויפבויאונג פון נייע אדער פארבעסערטע פובליק ערטער, און אזוי אויך אנדערע פראיעקטן צו פארבעסערן ספעציפישע קולטורישע, היסטארישע קוואליטעטן וועלכע פארשטערקערן די געפיל פון די שטעטלישע חן.

**Montour Falls**

Montour Falls איז דאס ביישפיל פון א ריכטיגע וואונדערליכע צאמשטעל פון נאטורליכע, קולטוראלע און פארוויילונג אסעטס מיט א געבינדענקייט צו א שטארקע צוקונפט. די דאונטאון געגנט פון Montour Falls פארבינדט איינס פון די ראיאן'ס מערסטע פאפולארישע און שענסטע וואסערפאלן - Shequaga Falls - מיט א רייע פון רעסטאראנטן, קרעטשמעס, געשעפטן און היסטאריש-וויכטיגע געביידעס און ערטער. די ווילעדזש פארמאגט אסאך קליינע פארקס וועלכע דינען אלס צוזאמקום ערטער און פלעצער פאר קאמיוניטי געשעענישן, און עס שטעלט צו אייגנארטיגע געלעגנהייטן צו הנאה האבן פון די הערליכע שיינקיט פון די ראיאן, אזויווי די Catharine Valley Trail און די Queen Catharine Marsh וועגן. די Montour Falls Farmers' Market, וועלכע געפינט זיך אינמיטן שטאט ביי Fireman's Field, געבט עטליכע פון די פרישטע לאקאל-שטאמיגע עסן עוועילעבל, און עטליכע וויין פארבריקן נעבן דאונטאון טוען איינארדענען וועכנטליכע פובליק פראדוקט מארקעטס, געבנדיג ספעציעלע עסנווארג פאר איינוואוינער. באדייטנדע אינוועסטירונגען אין בוי-ארבעט, שטארקקייט און ארבעט וואוקס איז געמאכט געווארן אין די דאונטאון און ארומיגע ערטער, און די ווילעדזש ווערט שנעל א פאפולארע ציל פאר Schuyler County איינוואוינער און באזוכער. די Village of Montour Falls זוכט צו פארשפרייטן איר וואקסנדע קולטור פון שטארקקייט און ענווייראנמענטאלע אויפוואכונג אינאיינעם מיט איר היסטארישע שיינקייט, ביזנעס כחות, פריינטליכע, צוגענגליכע אטמאספער און נאנטקייט צו הויפט ראיאנישע ארבעטסגעבער אזויווי די New York State Fire Academy צו שאפן א לעבעדיגע דאונטאון וואס נוצט גענצליך אויס איר "הויפט גאס" כאראקטער און פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן, שטארקקייט און עקאנאמישע געלעגנהייטן פאר פארגעשריטענע קאמיוניטי אנטוויקלונג צו שטיצן א פארגעשריטענע און בליענדע עקאנאמיע ארום דעם יאר. די ווילעדזש וועט עררייכן איר ציל דורך מוטיגן נייע אויפבוי ארבעט צו איינפירן גרינע בויען פרינציפן, אנהאלטן און איבערמאכן היסטאריש-וויכטיגע געביידעס און מוטיגן די וואוקס פון קליינע, לאקאל געאייגנטע ביזנעסער און העכערן די צאל וואוינונג אויסוואלן אוועילעבל אין דאונטאון.

**Waverly**

די ווילעדזש פון Waverly געפונט זיך ביים טרעף-פונקט צווישן Chemung און Susquehanna טייכן און עס האט אויפגענומען א קליינע-טאון-אמעריקא וועג פון לעבן וואס ערלויבט אירע איינוואוינער צו הנאה האבן פון א רואיגע, אבער לעבעדיגע, לעבנשטייגער אין אן אטמאספערע פון הערליכע נאטורליכע שיינקייט, צוגעשטעלטע קאמיוניטי ערטער, אנגעהאלטענע היסטאריע און אייגנארטיגע בוי-ארבעט. דאונטאון Waverly פארמאגט א גרויסע געמיש פון זעלבסטשטעניג געאייגנטע געשעפטן, פארשידענע רעסטאראנטן און סערוויס ביזנעסער, און מאכט קאמיוניטי אווענטן ארום דעם יאר, פון איר Tinsel-n- Lights אין די ווינטער צו איר דרויסנדיגע זוממער קאנצערט סעריעס. די Waverly Historical Society און Susquahanna River Archaeological Center שטעלט פאר פאר איינוואוינער און באזוכער צוגלייך א געלעגנהייט צו לערנען מער איבער די ווילעדזש און ראיאן, און איר נאטורליכע סצענעס געבן צו פארשידענע דרויסענדיגע פארוויילונג געלעגנהייטן, פון שיפלען און כאפן פיש צו בייקינג און שפאצירן. די ווילעדזש פון NY Forward o'Waverly אומגעגנט נעמט אריין איר דאונטאון צענטראלע ביזנעס דיסטריקט, וועלכע דאס מערהייט שטייט נאך, היסטארישע דאונטאון צאמגעשטעלט פון א מערהייט פון צאמגעלייגטע, מערערע-שטאקן, פארשידענע-באנוצונג געביידעס. די ווילדעדזש פון Waverly זוכט צו

פארשפרייטן איר פריינטליכע, פאראייניגטע קאמיוניטי, שטארקע פירערשאפט, גרויסע צאל פון קאמיוניטי ביזנעסער, איר הויכע עדיוקעישענאל סיסטעם און פארוויילונג דיימאנטן אזויווי די Waverly Glen Park, און Two Rivers State Park, צו ערייכן דאס ביישפיל פון קליינע-טאון אמעריקא. Waverly וועט אויך ערייכן איר ציל פון מאכן מער א ציענדע דאונטאון מיט א שטארקע געפיל פון פלאץ וואס ציעט פארשידענע נייע ביזנעסער, שאפט וואוקס אין די לאקאלע שטייער באזע, געבט פארשידענע אויסוואלן פון האוזינג און ארבעט געלעגנהייטן און שטיצט די סטעיט'ס דיקארבאניזאציע צילן דורך איבערמאכן פארלאזטע און נישט גענוצטע געביידעס, מאכן נאך האוזינג און העלט קעיר געלעגנהייטן און אינוועסטירן אין קרינערע פובליק באקוועמליכקייטן.

**סעקרעטאר אוו סטעיט ראבערט דזש. ראדריגעז האט געזאגט,** "קליינע און שטילע קאמיוניטיס זענען די הארץ און נשמה פון די דרום טיער, און אונזער פארגעשריטענע NY Forward פראגראם צילט אויף אינוועסטירן גלייך אין די וויכטיגע ערטער. אלס NY Forwark גרענט דערהאלטער, וועלן Montour Falls און Waverly זיין א טייל פון אונזער סטעיט'ס בליענדע דאונטאון אויפוואכונג און וועט שאפן א קאמיוניטי-געטריבענע פלאן צו איבערטוישן זייער דאונטאונס צו הויפט צילן וועלכע צייגן זייער אייגנארטיגע כאראקטארשטריכן. מזל טוב צוביידע קאמיוניטיס אויף זייער גרענטס."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָופ נייט, האט געזאגט,** "די NY Forward איניציאטיוו איז א קאנצענטרירטע צוגאנג צו אויפלעבן קלענערע און ווייטערע קאמיוניטיס אריבער ניו יארק סטעיט. מיט די געצילטע געלטער וועלן די ווילעדזשעס פון Montour Falls און Waverly קענען אויספלאנירן און זיך אויסמשל'ן לעכטיגערע צוקונפטן פאר זייערע שטאטישע צענטערן מיט פלענער וועלכע זענען אויסגעשטעלט צו פארשנעלערן זייער לעבעדיגקייט און עקאנאמישע וואוקס."

**היימען און קאמיוניטי באנייאונג קאמישאנער רוט-ען וויסנאוסקאס האט געזאגט,** "די 4.5 מיליאן דאלער אין געלטער פון די גאווערנער'ס 100 מיליאן דאלערדיגע NY Forward פראגראם וועט העלפן Montour Falls און Waverly וואקסן לויט די דורכגעטראכטע אנטוויקלטע, פאראויס-קוקענדע סטראטעגישע פלאן וואס וועט העכערן זייער אנגייענדע עקאנאמישע שטארקקייטן, אין אינעם זעלבן צייט באערן די נאטורליכע שיינקייט און היסטאריע וועלכע העלפן מאכן ביידע ווילעדזשעס אייגנארטיג."

**סטעיט סענאטאר טאם א'מארא האט געזאגט,** "עס איז געוואלדיגע נייעס פאר די קאמיוניטיס פון Montour Falls און Waverly, און פאר די גאנצע ראיאן, אז די NY Forward אינוועסטירונגען וועלכע ערלויבן לאקאלע פירער צו אויספירן קריטישע אויפלעבונג פראיעקטן. עס איז א וויכטיגע פלאן וואס וועט מאכן א חילוק פאר די צוקונפטיגע קוואליטעט און שטארקקייט פון אונזער קלענערע און שטילערע ערטער. מיר קוקן ארויס פאר די ווייטערדיגע פלאנירונג, אנטוויקלונג, און איינפירונג פון פראיעקטן וועלכע וועלן זיכער פארבעסערן די עקאנאמישע, קולטוראלע, און געזעלשאפט שטארקייט פון די אויסערליכע געגנט ווילעדזשעס."

**אסעמבלימעמבער קריסטאפער ס. פרענד האט געזאגט,** "מזל טוב צו Waverly און Montour Falls אלס דערהאלטער פון NY Forward פראגראם געלטער צו ערמעגליכן אפאר איבריגע געפלאנטע צוגענגליכקייטן צו בעסער מאכן די שוין ציענדע און לעבעדיגע קאמיוניטיס."

**אסעמבלימעמבער פיל פאלמעסאנא האט געזאגט,** "דאס איז געוואלדיגע נייעס פאר די ווילעדזש פון Montour Falls און ארומיגע ערטער. די ווילעדזש, וועלכע געפינט זיך אינעם הארץ פון די פינגער לעיקס ראיאן, האט געארבעט שווער צו פארבעסערן און פארשענערן די איבעראלע לאקאלע בוי-ארבעט, העכערן עקאנאמישע ארבעט געלעגנהייטן, און ערפאלגליך איינפירן ענווייראנמענטאל-קלוגע בעסטע פארוואלטונג פראקטיקן. די NY Forward גרענט וועט געבן די קריטיש נויטיגע געלטער וואס איז קריטישע פאר די ווייטערדיגע איבערטויש און וען פארענדיגט, וועלכע איינוואוינער און טוריסטן קענען

מיטלעבן און הנאה האבן פון די רייכע טיפע קולטורישע היסטאריע וואס די ווילעדזש פון Montour Falls האט צוצושטעלן. א דאנק פאר די סטעיט, ראיאנישע און לאקאלע פארטנערשפיפס און מיטארבעט וואס האט דאס געמאכט פאסירן."

**דרום טייל ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל קא-טשעיר, דזשודי מקקיני טשערי, עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון סקיילער קאונטי שותפות פאר עקאנאמישע אנטוויקלונג ( Schuyler County Partnership for Economic Development, SCOPED) און ברום קאונטי קאלעדזש פרעזידענט קעווין דראָם האבן געזאגט,** "Montour Falls און Waverly זענען א ריכטיגעביישפיל פון אלעס וואס איז גוט אינעם דרום טייל ראיאן'ס קלענערע קאמיוניטיס און אלעס וואס זיי האבן צוצושטעלן. פילן דאנק פאר גאווערנער האקול פארן אנערקענען די עכטע נויט צו העלפן טרייבן די אויפלעבונג פון די הערליכע קאמיוניטיס, פארשנעלערנדיג עקאנאמישע געלעגנהייטן פאר פילע צוקונפטיגע דורות."

**טשעיר פון די סקיילער קאונטי לעגיסלאטור קארל ה. בלאוערס האט געזאגט,** " די New York Forward גרענט פון 4.5 מיליאן דאלער פאר די ווילעדזש פון Montour Falls איז אן אויסגערגעוועגליכע אינוועסטירונג דורך די סטעיט וויבאלד עס וועט טוישן Montour Falls און ווייטער, סקיילער קאונטי. מיר זענען דאנקבאר צו גאווערנער קעטי האקול פאר מאכן די קליינע-DRI פראגראם פאר קליינע קאמיוניטיס און מיר קוקן ארויס צו ווייטער ארויסהעלפן די ווילעדזש און סטעיט מיט ענדיגן באדייטענדע אויפלעבונג פראיעקטן אין די ווילעדזש. איך בין געוויס צופרידן מיט די קאמיוניטי אייניגע ארבעט און סטודענט מיטארבעט אינעם פראצעס."

**ווילעדזש פון Montour Falls מעיאר דזשעימס רייען האט געזאגט,** " אין נאמען פון די ווילעדזש פון Montour Falls, וויל איך באדאנקען גאווערנער האקול פאר איר NY Forward פראגראם געצילט צו קאמיוניטיס אזויווי Montour Falls. איך בין צופרידן אז די ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל אנערקענט אונזער ווילעדזש'עס פארגאנגענע עריכונגען און האט אנגענומען אונזער פלאן צו ווייטער רוקן Montour Falls. איך וויל אנערקענען די פראפעסיאנאלקייט ארויסגעוויזן דורך אונזער פראיעקט טיעם, וועלכע וועט פארזיכערן דאס איינפירונג פון פראיעקט צילן. די שטאפל פון געלטער וועט העלפן ווייטער רוקן Montour Falls אין נאכקומען איר עקאנאמישע און קאמיוניטי פארבעסערונג צילן."

**טשעיר פון די טיאגע קאונטי לעגיסלאטיוו מארטא סאוערברעי האט געזאגט,** "א דאנק, גאווענער האקול! מיר זענען איבערראשט און דאנקבאר פאר די NY Forward גרענט פאר די ווילעדזש פון Waverly. די נייע געלעגנהייט וועט אונז ערלויבט נישט נאר צו אינוועסטירן נאר אויך צו אויפלעבן די ווילעדזש פון Waverly. עס איז אזוי וויכטיג אז מיר זאלן האלטן אונזער דאונטאונס לעבעדיג, שטארק, און באקוועם. אלעס וואס איר ווילט אז אייער היים-טאון זאל זיין!"

**ווילעדזש פון Waverly מעיאר פאטריק איירעס האט געזאגט,** "דאס געבן א New York Forward גרענט צו די ווילעדזש פון Waverly וועט איבערטוישן אסאך. די געלטער וועלן ערלויבן פאר די קאמיוניטי בכלל צו אינוועסטירן אין איר געוואוטשענע צוקונפט, אינאיינעם, אלס א גרופע. מעגליכע פראיעקטן, וועלכע וואלטן מעגליך קיינמאל נישט ערפולט געווארן, האבן די מעגליכקייט צו ווערן אנטוויקלט און פארענדיגט דורך דאס באנוץ פון די גרענט געלטער. די NY Forward גרענט געלטער קען אויך מעגליך מוטיגן נאך קאמיוניטי סטעיק-האלטער צו אינוועסטירן זייער אייגענע געלט אין די פראיעקטן, פארגרעסערנדיג די ווירקונג פון די גרענט. דאס זענען פרייליכע צייטן פאר די ווילעדזש פון Waverly און מיר זענען זייער דאנקבאר פאר די Ny Forward גרענט און זאגן צו צו זיין גוטע אויספירער פון די געלטער."

די דרום טייל ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל האט דורכגעפירט א גרונטליכע און פארמעסטנדע איבערזיכט פראצעדור פון פארשלאגן אריינגעגעבן דורך קאמיוניטיס פון אריבער די גאנצע

ראיאן, און זיי האבן אין באטראכט גענומען די פאלגנדע קריטעריאנען בעפארן רעקאמענדירן די קאמיוניטיס אלץ נאמינירטע:

- די דאונטאון זאל זיין קאמפאקט, מיט קלאר אנגעצייכנטע גרעניצן;
- דער דאונטאון דארף קענען אויסנוצן פריערדיגע אדער ברענגען צו צוקונפטיגע פריוואטע און פובליק אינוועסטירונגען אין דעם געגנט און איר אומגעגנט;
- עס זאל האבן לעצטנסדיגע אדער פאראויסגעזעהנע דזשאב וואוקס אינדערינען אין, אדער נאענט נעבן, דעם דאונטאון געגנט וועלכס קען צוציען ארבעטער צו דעם דאונטאון געגנט, שטיצן ווידער-אנטוויקלונג און מאכן וואוקס אויסהאלטבאר;
- די דאונטאון געגנט מוז זיין א ציהענדע און וואוינבארע קאמיוניטי פאר פארשידנארטיגע באפעלקערונגען פון יעדן עלטער, איינקונפט שטאפל, דזשענדער, אידענטיטעט, פעאיגקייט, באוועגיגקייט און קולטורישע הונטערגרונט;
- די מוניציפאליטעט זאל זיך שוין האבן אונטערגענומען אדער האבן די מעגליכקייט צו שאפן און איינפירן פאליסעס וואס פארמערן איינוואוינער-פריינטליכקייט און קוואליטעט פון לעבן;
- די מוניציפאליטעט זאל האבן אויסגעפירט אן אפענע און שטארקע פראצעדור צו ארבעטן צוזאמען מיט די קאמיוניטי צו ברענגען א חזון פאר שטאט-צענטער אויפלעבונג און אן ערשטיגע ליסטע פון פראיעקטן און איניציאטיוון וועלכע קענען אריינגערעכנט ווערן אין א סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן;
- די מוניציפאליטעט האט אידנטיפיצירט טראנספארמאטיווע פראיעקטן וועלכע וועלן זיין גרייט צו דורכגעפירט ווערן אויף די קורצע טערמין דורך א שטופ פון NY Forward געלטער; און
- די מוניציפאליטעט האט די לאקאלע קאפאציטעט צו פארוואלטן אויף די פלאנירונג פראצעדור און דורכפירונג פון פראיעקטן, אריינרעכנענדיג די מעגליכקייט צו איבערזעהן קאנטראקטן פאר מוניציפאלע פראיעקטן וועלכע האבן באקומען געלט פון די גרענט.

Montour Falls און Waverly וועלן יעצט אנהויבן דעם פראצעדור פון אנטוויקלען א סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן צו אויפלעבן זייערע דאונטאונס. א לאקאלע פלאנירונגס קאמיסיע, צוזאמענגעשטעלט פון שטאטישע פארטרעטער, כלל פירער, און אנדערע פאראינטערעסירטע פארטייען, וועלן אנפירן די ארבעט, בייגעהאלפן דורך א מאנשאפט פון מומחים פון דעם פריוואטן סעקטאר און שטאט־פלאנירער. די סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן וועט נעמען אין באטראכט לאקאלע פארמעגנס און געלעגנהייטן צו אידענטיפיצירן פראיעקטן וועלכע זענען אין איינקלאנג מיט די חזון פון יעדע קאמיוניטי און אזעלכע וועלכע זענען גרייט צו אויסגעפירט ווערן. די געלטער וועלן צוגעטיילט ווערן פאר אויסדערוועהלטע פראיעקטן פון די סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן וועלכע האבן די גרעסטע פאטענציאל צו אונטערהייבן אויפלעבונג און ברענגען נייע געלעגנהייטן פאר לאנג-טערמיניגע וואוקס.

###

נאך נייעס איז דא צו באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן